# אמת מארץ תצמח

מיט א הארץ פול מיט פרייד און טרערן פון שמחה גיב איך א שבח והודאה צום בורא עולם ב"ה פאר זיין גרויסען חסד מיט וועלכען ער האט אונז בעגנאדיגט די פארגאנגענע טעג.

נאך פון מיינע ערשטע צייטען ווען איך בין אנגעקומען קיין אמעריקע פלעג איך זוכען ארבעט ביי כשר'ע פליישבענק, זייענדיק ערפאהרען פון מיין לאנג יאריגער ארבעט אין דער אמאליגער היים ביים טרייבערען פליישען.

צו מיין גרויס שטוינונג האט איך געזעהן אז דער סדר הניקור פון דאהי איז גארנישט דאס זעלבע פון אמאל, וואס אמאל האט געהייסען חֵלֶב איז דא אין אמעריקא כשר, איך בין געגאנגען פון איין פליישבאנק צו דער אנדערער, אבער אן ערפאלג, איינער בעסער און איינער שוואכער, פארט נישט אזוי ווי ביי אונז אין אונגארן, טראץ מיינע פעסטע טענות אז די גאונים וגדולים און מנקרים פון אמאל אין דער היים זענען פארט געווען גרעסערע תלמידי חכמים מומחים און ערליכע אידען, מיט מער ערפארונג ווי די פון אמעריקא.

די אלע טענות און נאך מער זענען געפאלען אויף טויבע אויערען, צו מיין גרויס צער און ווייטאג.

נישט וועלענדיג משנה זיין פון דרך המסורה האב איך מיר אבגעזוכט פרנסה בדרך היתר, וברוך השם אשר לא עזב חסדו מעמדי, גלייכצייטיג האט מיך אבער שטענדיג געפלאגט מיין געוויסען ווי ווייט מיר האבען זיך דערקייקעלט דא אין אמעריקא בלויז געציילטע יארען נאך דעם חורבן אייראפא, און ווי ווייט הייליג זענען די אויגען פון די אמאליגע צדיקים וואס פלעגען זאגען שטענדיג **"אין אמעריקא זענען אפילו די שטיינער אויך טריפה".**

כאטש איך האב אין מיין שטוב נישט אריין געלאזט קיין בשר בהמה, פאר כל חללא דעלמא, האט מיך דאך געוואלט ביים הארץ צוקוקענדיג ווי אזוי מענטשען גייען אריין און ארויס פון בוטשערס קויפענדיג, פלייש — סאלאמי — פאסטראמי — פראנקפורטערס א.א.וו. נישט וויסענדיג וואס זיי טוען מיט זייער נשמה, און מיט די נשמות פון זייערע טייערע קינדער שיחי'.

דערפאר איז געווען פאר מיר, מים קרים על נפש עייפה, הערענדיג די בשורה טובה, אז **כבוד קדושת אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון מאנסי האט שטרענג באפוילען אלע זיינע תלמידים, חסידים וידידים, נישט צו עסען קיין שום בשר בהמה, (ד. ה. סתם פלייש, סאלאמי, פאסטראמי, קארן ביעף, פרענקפורטער, בעלאני א.א.ו.).**

און דא האט איר געקענט זעהן וואס מיינט דביקות פון חסידים צו זייערע רבי'ן, דאס ביסען פון מויל האט מען אוועק געווארפען נאכן שטרענגען באפעל פון רבי'ן שליט"א, הונדערטער פונטען צוזאמענגעקויפטע פליישען זענען ליקווידירט געווארען, אלעס בלויז אויף איין באפעל פון רבי'ן שליט"א:

**אז דאס בהמה פלייש האט ערנסטע חששות פון חלב דאורייתא.**

איר האט געמעגט זעהן מיט וואס פאר א שמחה של מצוה דאס איז געטון געווארען, פונקט ווי אתרוג בענטשען און הלל זאגען און עסען א כזית מצה, אהן אונטערשייד, ווייל וואס איז דען א חילוק ביי ערליכע אידען צווישען די מצוה און אלע אנדערע מצות.

מיט א פולען מויל האב איך געזאגט ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, מיט א דאנק אויף דעם עבר בעט איך ביים רבש"ע א תפלה לעתיד אז קנאת צדיקים תרבה יראת שמים, אז אלע רבי'ס מיט זייערע חסידים ראשי הישיבות מיט זייערע תלמידים, מיט'ן גאנצען כלל ישראל זאלען נאך טון דעם וואונדערבארען ביישפיל.

וכדאי היא המצוה הגדולה הזאת שבזכותן נזכה בקרוב להגאל בגאולה שלימה האמיתית אמן.

ר"ח מנחם אב תשמ"ב

**הק' שלמה גרינבערג**

מנירעדהאז

חופ"ק ברוקלין